# אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן

## בינעם העלער

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן
אויף כּוסות פֿון באָרשט און מצות פֿון קלײַען
דערציילט מען אויף ס׳נײַ די אַמאָליקע נסים
ווי ס׳ייִדישע פֿאָלק איז אַרויס פֿון מצרים.

ווי אַלט איז די מעשׂה, ווי אַלט איז דער ניגון,
נאָר איצט, בײַ פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער, דער סדר
גייט אָן און צעמישט ווערט דער אמת און ליגן,
אַז שווער איז זייביידן פֿונאַנדערצושיידן.
כּל דכפֿין — בײַ פֿענצטער פֿאַרשטעלטע און טירן;
כּל דכפֿין — און ס׳שרײַען פֿון הונגער די קינדער;
כּל דכפֿין — בײַ ליידיקע פּסח מכשירים;
כּל דכפֿין — און ס׳כליפּען די זקנים די בלינדע.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן,
מײַן מאַמע טוט אָן אויף איר פּנים דעם שמייכל,
די ליפּן, וואָס זײַנען פֿון הונגער פֿאַרביסן —
פֿון יום-טובֿ זיי ווערן איצט מילדער און ווייכער.
די אויגן בײַ איר הייבן ווידער אָן שײַנען,
אַזוי ווי אַמאָל, אין פֿאַרגאַנגענע יאָרן,
און ס׳שוימען אין זיי אויף די ראָזשינקע ווײַנען
פֿון יענע פֿאַרגאַנגענע ווײַטע סדרים.
נאָר פּלוצעם וואַקסט אָן אין זיי גרויליקער חידוש.
מיט שטוינונג צעשטרעקט זי די הענט אירע פֿרומע —
אַנשטאָט אָנצוהייבן דעם סדר מיט קידוש —
די זין הייבן אָן שפּוך חמתך צו ברומען.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן,
און פֿול שטייט דער כּוס אליהו הנבֿיס.
נאָר ווער האָט דעם סדר דאָ איבערגעריסן?
געקומען איז טרינקען דער מלאך המוות.

ווי שטענדיק — די דײַטשישע שפּראַך פֿון מושטירן.
ווי שטענדיק — די שפּראַך פֿון באַפֿעלער געניטע.
ווי שטענדיק — זיי זײַנען געקומען דאָ פֿירן
אַ טייל פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק צו דער שחיטה.
נאָר — ניין — ס׳וועט די געטאָ ניט הערן מער ס׳זידלען
פֿון נאַציס, וואָס פֿירן אָפּ ייִדן געהעצטע.
מיט בלוט וועט מען ווידער באַשמירן די שטידלען —
מיט בלוט פֿון די פֿרײַע — מיט בלוט פֿון די לעצטע.

אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן.
פֿון שכן צו שכן ווערט איבערגעגעבן;
דאָס דײַטשישע בלוט זאָל ניט אויפֿהערן גיסן,
כּל זמן ס׳וועט אַ ייִד אין דעם געטאָ נאָך לעבן.
פֿאַר זיי — זאָל אין אויגן ניט זײַן קיין הכנעה.
פֿאַר זיי — זאָל אין אויגן ניט זײַן מער קיין טרערן.
נאָר שׂינאה און שוים פֿון דער ווילדער הכנעה
פֿון שטיין זיי אַנטקעגן, פֿון קענען זיך ווערן;
אָט הער, ווי עס הילכן אין חצות אָפּ די שאָסן;
אָט הער, ווי דער טויט גייט אויף בלוטיקע שפּורן;
אָט הער — די געשיכטע ווערט איצטער פֿאַרלאָשן
מיט העלדישן אומקום אין ליל-השימורים.